# די מעשיות פון הערשל זומערווינט

מעשה. די מעשיות האָט מיר דערציילט הערשל זומערווינט בײַ פּאַנטולע גוי אין דער טשאַינע, ווו ייִדישע טרעגערס, וואַסער־פירערס און סתם האַרעפּאַש־ניקעס פלעגן קומען טרינקען טיי צווישן פינף און זעקס נאָך מיטאָג.

אַלע מעשיות, וואָס הערשל האָט דערציילט, זענען געווען אויסטערליש ביז גאָר, און אַלע מעשיות זענען געווען אמתע, ווײַל זיי האָבן זיך געטראָפן מיט אים אַליין.

אויב איר זעט נאָך הײַנט צו טאָג אַן אויסגעשטערנטן הימל, ווייסט איר וועמען איר האָט צו פאַרדאַנקען? קיינעם נישט, אַחוץ הערשל זומערווינטן.

געשען איז דאָס אַ מאָל, ווען ער, הערשל, איז נאָך געווען אַ קליין חדר־ייִנגל. אין גאַנצן אַ יאָר עלף.

אַ שטיפער איז ער געווען איינער אין דער וועלט; שמיץ האָט ער געכאַפּט פונעם רבין, ווי פיל ס'איז נאָר אין אים אַרײַן; יעדן נײַעם קאַנטשיק האָט ער פאַרזוכט דער ערשטער.

נאָר די שמיץ פונעם רבין זענען געווען אַ גאָרנישט מיט אַ נישט אַנטקעגן דעם קנײַפּן פון דער שטיפמאַמע.

הערשלס מאַמע איז געשטאָרבן, ווען זי איז געגאַנגען מיט אים צו קינד. ער איז געבוירן געוואָרן אַ יתום.

און די שטיפמאַמע, וואָס דער טאַטע האָט אין אַ צײַט אַרום אַראָפּגעבראַכט פון דער פרעמד, האָט אים, הערשלען, נישט ליב געהאַט, און ס'איז אַ סברה, אַז נישט אומזיסט. הערשל איז איר דערגאַנגען די יאָרן. האָט זי אים געשיקט אַ גאַנג, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג; אַהיים געקומען ערשט צו וועטשערע.

ווען דער טאַטע פלעגט אַהיים קומען פונעם מאַרק אָן אָפּגעהאָרעוועטער, אַ מידער, פלעגט די שטיפמאַמע אויסגיסן פאַר אים איר גאַנץ ביטער האַרץ: „הערשל אַזוי" און „הערשל אַזוי".

דער טאַטע, בטבע אַ גוטער, האָט אים קיין מאָל נישט געשלאָגן. אמת, ער האָט געהאַט עגמת־נפש פון הערשלס „שטיקלעך", ס'האָט אים בפירוש געאַרט, און אַז די שטיפמאַמע האָט פאַרענדיקט איר „צושטעלן אַ בענקעלע", פלעגט ער טרויעריק אַ שמייכל טאָן:

— ער וועט נאָך זײַן אַ לײַט, זלאַטע, זאָרג זיך נישט. וועסט נאָך זען, אַז ער וועט זײַן אַ לײַט, נאָר... פון די „אָרעמע לײַט".

זעענדיק אַז דער טאַטע קומט אָפּ דעם גאַנצן ענין מיט אַ ווערטל, האָט די שטיפמאַמע זיך אַליין אַן עצה געגעבן. קנײַפּן האָט זי געקענט, האָט זי אים געקניפּן. פון יעדן קניפּ האָט ער, ווי מען זאָגט, „געזען קראָקע מיט לעמבעריק".

און הערשל האָט געענטפערט אויף איר קנײַפּן מיט נײַע „שטיקלעך" און מיט נײַע „שפּיצלעך".

אָט אַזאַ איז ער געווען. אַ שטיפער איינער אין דער וועלט. דער סאַמאָראָד־נער פון אַלע קונדסים.

בײַ זיי אין שטוב האָט זיך אַרומגעדרייט אַ האָן, ווי בײַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן. דער דאָזיקער האָן האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט, אָנגעמאַכט דאָרטן, ווו ער האָט געוואָלט. קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט. קיינער האָט אים נישט געפרעגט קיין שאלות. די שטיפמאַמע, וואָס איז צו הערשלען געווען ערגער ווי אַ כּלב, איז צום האָן געווען ממש ווי אַ טויב.

די שטיפמאַמע, וואָס האָט געגלויבט אין שדים, רוחות און גילגולים, האָט זיך אײַנגערעדט, אַז דער האָן איז אַ גילגול פון איר ערשטן מאַן הערש־מענדל. זי האָט אים דערקענט אין זײַן „זײַטיקן קוק" און אין זײַן ציטערן מיטן קעפּל. הערש־מענדל מיט די ביינער.

אַז קיינער איז נישט געווען אין דער היים, האָט זי אים טאַקע גערופן „הערש־מענדל" און זיך געווישט מיטן פאַרטעך די אויגן:

— קומסט אָפּ, הערש־מענדל. אַ האָן ביסטו געוואָרן, וויי איז מיר. ווער האָט דיר געהייסן נאָכלויפן אַלע מיידן, הערש־מענדל? כ'האָב דיך געוואָרנט, הערש־מענדל, איצט ביסטו מגולגל געוואָרן אין אַ האָן, וויי איז מיר.

אַ רגע שפּעטער:

— דײַן מזל, הערש־מענדל, וואָס ביסט אַרײַנגעפאַלן צו מיר אין די הענט און כ'האָב דיך דערקענט. בײַ אַן אַנדערן וואָלט מען דיך שוין פון לאַנג געקוילעט, פון לאַנג אויפגעגעסן און פון לאַנג שוין אַן דיר פאַרגעסן.

און דער האָן הערש־מענדל האָט בפירוש געפילט, אַז די שטיפמאַמע איז אים אַ פרײַנד. צי ער האָט אויך דערקענט, אַז זי איז אַ מאָל געווען זײַן ווײַב, ווייסט נישט הערשל זומערווינט. און דאָס וואָס ער ווייסט נישט, וועט ער נישט דערציילן.

וויפל הענער און הינער מען האָט שוין נישט אויסגעקוילעט, הערש־מענדל דער האָן איז געבליבן לעבן, באַהיט און באַשיצט פון דער שטיפמאַמען, וואָס האָט אים אַפילו געגעבן פון צײַט צו צײַט עסן הינערשע פולקעס פון אַנדערע געקוילעטע הינער.

די שטיפמאַמע האָט זיך דערמאָנט, אַז איר ערשטער מאַן, הערש־מענדל, האָט ליב געהאַט אַ הינערשע פולקע, ס'לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז הערשל זומערווינט האָט פײַנט געהאַט הערש־מענדל דעם האָן, ווײַל ער האָט פײַנט געהאַט די שטיפמאַמע.

ווו ער האָט נאָר געקענט, איז ער דעם האָן דערגאַנגען די יאָרן. פון אויס־רײַסן פעדערן אייניציקווײַז, רעדט מען שוין נישט.

האָט דער האָן געכאַפּט אַ דרימל, האָט אים הערשל אויפגעוועקט. האָט ער דעם האָן אָנגעטראָפן אין הויף, האָט ער אים אַזוי לאַנג געיאָגט, ביז דער האָן האָט אַרויפגעפלאַטערט אויפן פּלויט און זיך הייזעריק צעקרייעט, גערופן צו הילף די שטיפמאַמע.

די שטיפמאַמע, דערהערנדיק דעם פאַרצווייפלטן קריי פון הערש־מענדל דעם האָן, איז געקומען צו לויפן נישט־טויט נישט־לעבעדיק און אים אויסגעלייזט פון הערשלס הענט.

# The Adventures of Hershel Summerwind

ITZIK MANGER

THESE stories were told to me by Hershel Summerwind in Pantule's Inn, where the Jewish porters, water-carriers, and ordinary laborers would gather to drink tea in the late afternoon. All of Hershel's stories were outlandish, yet all were true, for they had really happened to him.

If you still see the stars in heaven, do you know whom to thank for that? No one but Hershel Summerwind!

It took place once upon a time when he, Hershel, was still a snip of a schoolboy, not more than eleven. Hershel was the greatest prankster in the world: he earned an endless number of slaps from the rabbi and was always the first to taste each new cat-o'-nine-tails. But the rabbi's slaps were nothing at all compared to his stepmother's pinches. Hershel was born an orphan—his mother had died in childbirth—and his stepmother, whom his father brought from another town, wasn't exactly wild about him. Some folks even said she had her reasons.

All day long Hershel made life miserable for her. If she sent him on an errand he'd make tracks and return only for supper. When his father came home from the market place, worn and weary, his stepmother would pour out a heartful of complaints: Hershel did this and Hershel did that.

But his father, who was sweet-tempered by nature, never beat him. True, he was upset by Hershel's pranks, but after the stepmother had finished chanting Hershel's praises the father would smile sadly. "You'll see, Zlate, our Hershel will make good. But how good that will be, God alone knows!"

When she saw that her husband dismissed the problem as a joke, the stepmother took things into her own hands. She was good at pinching, so she pinched. And each time she pinched him, Hershel saw Cracow and Lemberg spring up before his eyes. His answer to her pinches was still more tricks and pranks.

That's the sort of fellow he was—the biggest prankster in the world.

In the house a rooster roamed about, behaving as if he owned the place, doing whatever he wanted and dirtying up wherever he liked. No one asked him any questions, no one bothered him. Hershel, the stepmother would treat like a dog, but the rooster she cuddled as if it were a pigeon.

The stepmother, who believed in ghosts, spirits, and transmigration of souls, became convinced that the rooster was none other than a reincarnation of her first husband Mendel. She recognized him by his profile and the way his head trembled: her Mendel to the marrow!

When no one was home she actually called him "Mendel," and, wiping her eyes on her apron, she would say, "You're paying, Mendel, you're paying! You had to become a rooster, woe is me! Who told you to chase the girls, Mendel? I warned you, and now you've come back as a rooster."

A minute later: "It's lucky you fell into my hands and I recognized you. Some place else you'd have been slaughtered long ago."

In turn Mendel seemed clearly to feel that the stepmother was his friend. Whether he also recognized her as his wife, Hershel Summerwind doesn't know to this day, and whatever Hershel doesn't know he isn't the man to talk about.

No matter how many roosters were slaughtered, Mendel remained alive, guarded and cherished by the stepmother. That Hershel Summerwind hated Mendel goes without saying, and whenever he could he made life miserable for him. Tearing out feathers one by one, that too goes without saying. If the rooster fell into a doze Hershel would wake him up. If he met the rooster in the yard Hershel chased him until he fluttered onto the fence, hoarsely crowing and pleading for help.

When the stepmother heard Mendel's anguished cries she would rush out, more dead than alive, to save him from Hershel's vengeance.

פאַר דער שטיפמאַמען איז יעדער הייזעריקער קריי פונעם האָן געווען נאָך אַ סימן, אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גילגול פון איר ערשטן מאַן ע"ה. אַזוי פלעגט ער קרייען, ווען מען פלעגט אים מכבד זײַן מיט אַן עליה.

מאַכט זיך אַ מאָל, דער שטיפער הערשל האָט ווידער געיאָגט דעם האָן איבערן הויף. דער האָן האָט זיך מיט צעפלאַשעטע פליגל געטראָגן ווי אַ נישט-גוטער. הערשל האָט דערפון ווילד הנאה געהאָט. ער האָט זיך געיאָגט נאָך אים און געזונגען דאָס לידל, וואָס ער האָט אַליין צוגעטראַכט אַ וואָך אויף צופריער, ווען ער האָט געזען דעם האָן פּיקן אַ הינערשע פּולקע:

הערש-מענדל הינער-פרעסער,
דו זאָלסט נישט וואַקסן גרעסער.

דער האָן איז, ווי זײַן שטייגער אין אַזאַ סכּנה, אַרויף אויפן פּלויט. נאָר הערשל האָט אים נישט צו רו געלאָזט. ער האָט געקרייעט, גערופן צו הילף די שטיפמאַמע. די שטיפמאַמע איז אָבער נישט געווען אין דער היים. זי איז גראָד געגאַנגען עפּעס אײַנקויפן אין שפּײַז-געוועלבל. אויפן וועג האָט זי אָנגעטראָפן גיטל די שפּרעכערין און מיט איר פאַרפירט אַ שמועס וועגן שדים, רוחות און גילגולים, און אַנדערע ווײַבערישע זאַכן.

ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי געטראָפן אונדזער הערשל אַ צעפלאַמטן, אַ גליקלעכן, זיך יאָגנדיק נאָכן האָן, און דער האָן האָט שוין קוים-קוים געכאָרכלט.

אַז הערשל האָט געלייזט דאָס זײַניקע, איז איבעריק צו דערציילן. די שטיפמאַמע האָט אים גוט-גוט אָנגעדרייט די אויערן. הערשל האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אירע הענט. אַנטלויפנדיק האָט ער איר אַרויסגעשטעלט די צונג און טאַקע תּיכּף זיך צעזונגען איבער דער גאַנצער גאַס, קינד און קייט זאָלן הערן:

הערש-מענדל הינער-פרעסער,
דו זאָלסט נישט וואַקסן גרעסער.

די שטיפמאַמע האָט געהאַלטן דעם אויסגעלייזטן האָן אין אירע אָרעמס, אים צוגעטוליעט צום האַרצן און געשעפּטשעט:

— קומסט אָפּ, הערש-מענדל, וויי איז מיר!

און דעם אַנטלויפנדיקן הערשל האָט זי נאָכגעשריגן:

— וואַרט, וואַרט, אַז דו וועסט אַהיים קומען צו וועטשערע, וועסטו ערשט כאַפּן דאָס דײַניקע.

פאַרשטייט זיך, אַז הערשל איז נישט אַהיים געקומען צו וועטשערע. אַ הונגעריקער, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. אין דמיון געזען ווי הערש-מענדל דער האָן פּיקט אַ הינערשע פּולקע, ווי די שטיפמאַמע ווינטשט אים צו מיטן גאַנצן האַרצן:

— עס, עס, הערש-מענדל, זאָל דיר ווויל באַקומען!

הערשל האָט חרטה געהאַט. צו וואָס האָט עס אים געטויגט? איצט טאָטשעט אים דער הונגער, נאָר אַהיים גיין האָט ער מורא.

בײַ נאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן, איז הערשל אַהיים געקומען. שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם און זיך געלייגט אַ הונגעריקער שלאָפן.

אַ מאָדנעם חלום האָט ער געהאַט: ער אַליין איז אַ יונג הענדל, אַ פאַרשײַטס. די שטיפמאַמע, אַ פעטע, אַ כּבֿודיקע הון, פירט אים דאָס ערשטע מאָל אין חדר אַרײַן.

דער מלמד — גאָט מײַנער! — איז הערש-מענדל דער האָן. ער האַלט, ווי זײַן שטייגער, דאָס קעפּל אויף אַ זײַט און ער פרעגט אים:

— קמץ אַלף, ווי מאַכט?

און טאַקע תּיכּף אַ פּיק אים אין קעפּל.

— און קמץ גימל, ייִנגעלע?

און נאָך אַ מאָל אַ פּיק אים אין קעפּל.

אַ דערשראָקענער האָט זיך הערשל אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן.

יאָ, ער איז אויפן בוידעם, און אַלץ איז געווען אַ חלום.
ער האָט אָפּגעאָטעמט און זיך שאַרף אײַנגעהערט.
אָבער ווער פּיקט עס פאָרט?

ער איז פּאַמעלעך צוגעקראָכן צום דאַך-פענצטערל און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

די ערשטע רגע איז הערשל געבליבן ווי געפּלעפּט. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. אויפן שוואַרצן קוימען איז געשטאַנען הערש-מענדל דער האָן און געפּיקט מיט זײַן שאַרפן שנאָבל די שטערן.

דער נאַרישער האָן האָט געמיינט, אַז דאָס זענען זערנעס.

הערשל האָט דערפילט די סכּנה. לאָזן הערש-מענדלען אַזוי ווײַטער פּיקן די שטערן, מאַכט ער אַ תּל פון דער גאַנצער זומערנאַכט, נישט נאָר פון דער, נאָר פון אַלע שטערנבעכט בכלל. ווײַל ווי ס'איז באַקאַנט, לאָזט איין נאַכט איבער דער צווייטער בירושה די שטערן.

הערשל איז פּאַמעלעך אַרויסגעקראָכן דורכן דאַך-פענצטערל. אויפן בויך האָט ער זיך פּאַמעלעך- פּאַמעלעך דערנענטערט צום קוימען, הערש-מענדל זאָל נישט הערן.

און הערש-מענדל דער האָן איז טאַקע געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער אכילה, אַז ער האָט טאַקע גאָרנישט נישט געהערט.

מיט אַ מאָל האָט אים הערשל אַ כאַפּ געטאָן בײַ די פליגל. הערש-מענדל דער האָן האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז פאַר שרעק האָט ער צוריק אויסגעבראָכן אַלע שטערן, וואָס ער האָט שוין געהאַט אויסגעפּיקט.

הערשל האָט מיטן דערשראָקענעם האָן געדרייט איבערן קאָפּ און געזונגען אַ נײַ לידל, וואָס איז אים גראָד אײַנגעפאַלן:

הערש-מענדל שטערנפּיקער,
די אכילה איז דער עיקר.

And each time she heard the rooster crowing, it seemed to her still another sign that she had come upon a reincarnation of her first husband, blessed be his memory. For that was just the way *he* used to crow when called upon to recite a chapter from the Torah on the Sabbath!

Once it happened that the devilish Hershel was chasing the rooster through the yard. Seeing the rooster flee, his wings stiff with terror, Hershel felt a tremendous pleasure, and as he scampered after Mendel he chanted a rhyme of his own composition:

"Mendel, may your growth be stunted,
I hope you'll be forever hunted!"

In the face of such danger the rooster jumped onto the fence, crowing and begging the stepmother for help, but even then Hershel did not leave him alone. Besides, this time the stepmother wasn't home, having gone out to buy something and having stopped on the way to chat with Gittel the soothsayer about ghosts, spirits, and the transmigration of souls. When she came home she found Hershel aflame with excitement, happily chasing the rooster, who seemed scarcely able to catch his breath. That Hershel got his goes without saying. The stepmother twisted his ears with a vengeance; he barely escaped with his life. Running away, he stuck out his tongue at her and burst into loud song:

"Mendel, may your growth be stunted,
I hope you'll be forever hunted!"

The stepmother pressed the rescued rooster to her bosom and murmured, "You're paying, Mendel, you're paying!" And to the fleeing Hershel she cried out, "Wait till you come home for supper! Wait!"

Hershel didn't, of course, come home for supper. Hungrily he wandered through the streets, and in his imagination he saw Mendel the rooster pecking grains of food while the stepmother encouraged him, "Eat, Mendel, eat! May you grow fat and healthy!"

By now Hershel regretted the whole thing: what was the good of it? Hunger gnawed at him, but he was afraid to go home. Only at night, when everyone was asleep, did Hershel return, quietly, on tiptoe; he crept up to the garret and went to bed on an empty stomach.

He had a strange dream. He is a young rooster himself, a trickster. The stepmother, a fat respectable hen, takes him to school for the first time, and the teacher—heaven forbid!—is Mendel the rooster. Mendel, as usual, holds his head to one side. He asks Hershel, "Which is the *aleph?*" Immediately afterward he pecks at Hershel's head. "Which is the *gimmel?*" And again he pecks at Hershel's head.

Frightened, Hershel woke up and looked around him. Yes, he was still in the attic, it was only a dream. He caught his breath and cocked his ear. Who was pecking now?

Slowly he crawled over to the attic window and stuck out his head. At first Hershel was stunned. The sky was full of stars, but on the black chimney stood Mendel the rooster, pecking at the stars with his sharp beak, thinking apparently—the foolish rooster!—that the stars were grains of food.

Hershel immediately sensed the danger. If he allowed Mendel to keep pecking at the stars, the rooster would spoil the whole starry night—and not only this one, but all starry nights, for as is well known, one night bequeaths the stars to the next.

Hershel climbed out of the attic window and on his belly slowly edged his way up the chimney, so that Mendel should not hear him. And Mendel was so absorbed with his gluttony that he heard nothing at all.

Suddenly Hershel grabbed Mendel by the wings—and the rooster became so frightened that he threw up all the stars he had already swallowed!

Twirling the frightened rooster around his head, Hershel sang a new rhyme that suddenly came into his head:

"Mendel munches stars like mutton,
He has no rival as a glutton."

און טאַקע אַ דאַנק אַט דעם פּלי מיט די פֿייגל אין זיַינוולס קאַרשנסאָד איז הערשל גערוואַטעוועט געוואָרן. דאָס פֿליען איז געווען מוראדיק. ס'האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ, געטונקלט אין די אויגן, גערשומעט אין די אויערן.

אָבער קוים האָבן זיך די פֿייגל אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ערשטן קאַרשנבוים, האָט הערשל איבערגעריסן דעם פֿאָדעם איינס און צוויי, איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם בוים, אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּלויט און זיך געלאָזט אַהיים.

פֿון ציגאַנעשט אַהיים איז געווען נישט מער ווי פֿיר מײַל. הערשל איז געלאָפֿן אָן אָן אָטעם, און נאָך מעריב איז ער קוים אַ לעבעדיקער אַרײַנגעפֿאַלן צום טאַטן אין שטוב אַריין.

דאָס פֿערדל איז גראָד שטיין געבליבן מיטן פֿעסל ווײַן פֿאַר דער טיר, אַזוי אַז קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט, וואָס מיט הערשלען האָט זיך געטראָפֿן.

צו מאָרגנס אויפֿן ברית האָט הערשל דערציילט די מעשה מיט די פֿייגל און פֿון דעם גרויסן נס, וואָס איז מיט אים געשען. און כּדי אַלע זאָלן וויסן, אַז ער דערציילט דעם אמת, האָט ער פֿאַר אַלעמען איבערגעזונגען דאָס ליד פֿון די פֿייגל, וואָס זיי האָבן געזונגען, בשעת זיי האָבן אים געטראָגן אין דער לופֿטן.

פֿון דער מעשה איז צו זען, סאַראַ גרויסן און גוטן גאָט מיר האָבן. אויב ער האָט געקענט מציל זײַן און העלפֿן אַזאַ לײַדאַק ווי הערשל זומערווינט, וועט ער אַוודאי מציל זײַן אַלע ערלעכע און גאָטספֿאַרכטיקע ייִדן, וואָס פֿאָלגן גאָטס געבאָטן און גייען אין זײַנע וועגן.

אמן סלה.

(1947)

But as soon as the birds descended to the first cherry tree, Hershel cut the thread in half and sprang down from the tree, jumped over the fence, and set off for home. It was only four miles. He ran without stopping to catch his breath, and after the evening prayers were done he staggered, half alive, into his father's house. The horse was already waiting there, in front of the door, with the barrel of wine—so no one guessed what had befallen our Hershel.

The next day, at the circumcision, Hershel told the story of the birds and the great miracle that had followed. And so that all should know he was telling the truth Hershel Summerwind sang the song the birds had sung when they carried him through the air.

From this story you can see what a great and good God we have. For if He helped such an idler as Hershel Summerwind, He will certainly help all faithful and God-fearing Jews, who follow His commandment and live by His word.

*Translated by Irving Howe*

# די מעשה מיטן פּריצס וואָנצעס

מעשה. די מעשה האָט זיך געטראָפֿן אין אַ קליין ייִדיש שטעטל פֿון פּוילן. זי איז פֿאַרשריבן געוואָרן אין אַלטן פּנקס. דער פּנקס איז פֿאַרברענט געוואָרן. איך בין דער לעצטער, וואָס געדענקט די דאָזיקע מעשה וואָרט ביי וואָרט, דערצייל איך זי אײַך. הערט!

אין אַ קליין ייִדיש שטעטל האָט געלעבט אַ ייִד מיטן נאָמען מאָטל פּרנס. געווען איז ער פֿון פֿאַך אַ שערער, דאָס הייסט — ער האָט געצויגן זײַן חיונה פֿון שערן גויִישע קעפּ און גאָלן גויִישע מאָרדעס.

האָט זיך געשטעלט אַ יריד. גויים פֿון די אַרומיקע דערפֿער זענען געקומען מיט כּל הגוטס אין שטעטל אַריין. האָט ווער־ווער פֿון זיי זיך אַרײַנגעכאַפּט צו יונה זינגער אין שענק; און ווער־ווער צו מאָטל פּרנס, אונטערשערן די האָר, אָדער אָפּגאָלן די מאָרדע.

די קופּערנע מטבעות, וואָס מאָטל פּרנס האָט געלייזט אין אַזאַ יריד־טאָג, זענען געווען אָנגעלייגטע געסט. פֿאַר זיי האָט ער אײַנגעהאַנדלט דאָס, וואָס מען דאַרף צו פֿאַרשטאָפּן דעם ווײַב מיט די קינדער די מײַלער.

יריד־טעג זענען אָבער געווען געציילטע אין יאָר. איז מיט פּרנסה טאַקע געווען נישט פֿויגלדיק. און אַ כּלל איז; דאָרט וווּ ס'פֿעלט פּרנסה — פֿעלט שלום־בית.

האָט טאַקע מאָטל פּרנס קיין שלום־בית נישט געהאַט. זײַן ווײַב, פֿייגעלע די רויטע, איז אים דערגאַנגען די יאָרן, אים אָפֿט מכבד געווען מיט פּעטש, און מאָטל, כאָטש מיט גאַנצע צוויי קעפּ העכער פֿון איר, האָט אַלצדינג אַראָפּגעשלונגען, ווײַל ער איז בטבע געווען אַ שטילער מענטש, „לאָז־מיך־צורו־וואָס־האָסטו־צו־מיר“־ייִד, מיט פֿייכטע איבערגעשראָקענע אויגן.

האָט טאַקע אונדזער מאָטל געליטן ס'גיהנום און געשוויגן גלײַך ער וואָלט טאַקע געווען אויף אַן אמתן שולדיק און אַליין מיט די אייגענע הענט אָנגעכאַפּט די פּרנסה בײַם טשיפּיק און זי אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער שטוב.

די איינציקע נקמה וואָס ער האָט געהאַט, איז געווען בשעת זײַן ווײַב איז געגאַנגען צו קינד. די קולות און די געוואַלדן אירע, וואָס האָבן דערגרייכט דעם זיבעטן הימל, זענען פֿאַר אים געווען זיסער און באַטעמטער פֿונעם רבינס זמר.

דער דלות איז נאָך קיין מאָל נישט געפֿאָרן צום רבין בעטן דעם שליסל צו קינדער־האָבן. אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט נישט געהאַט אויף קיין הוצאות צו פֿאָרן און נישט געהאַט צו געבן קיין פּדיון. האָט אים דער אויבערשטער פֿאַרשפּאָרט די דאָזיקע טירחה.

און פֿייגעלע די רויטע האָט אָפֿט געקינדלט, און דער שלים־מזל האָט אָפֿט געפֿילט דעם זיסן טעם פֿון נקמה.

און די יאָרן זענען זיך געגאַנגען. אפֿשר טאַקע געלאָפֿן און אפֿשר, ווי ס'שרײַבן די שרײַבערס אין די מעשה־ביכלעך, זענען זיי געפֿלויגן.

און מאָטל פּרנס האָט זיך געעלטערט מיט זײַן פּלוניתטע פֿייגעלע און זײַן הויזגעזינד האָט זיך געמערט, מיט יעדן יאָר אַ נײַעם פּיקער, אַ נײַע הוצאה.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה:

איבערן שטעטל און די אַרומיקע דערפֿער האָט געוועלטיקט אַ פּריץ, אַ רשע־מרושע, אַ כּלב מיט פּוילישע וואָנצעס. די פּויערים זײַנע פֿלעגט ער שמײַסן ביז בלוט פֿאַר דער קלענסטער קלייניקייט, און די ייִדן האָט ער סתּם פֿײַנט געהאַט מיט אַ פֿאַרביסענער שנאה.

דער דאָזיקער פּריץ איז געווען אַן אַלמן. אויפֿן אויער האָט מען זיך דערציילט, אַז ער האָט דאָס אָפּגעסמט דאָס ווײַב, די קראַנקע פֿרומע פּריצה, ווײַל ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם ווײַרעך, מיט וועלכן זי האָט אָנגעפֿילט אַלע חדרים, די איקאָנעס וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אין אַלע ווינקלען, און די אָפֿטע תּעניתים, וואָס זי האָט געפֿאַסט, און די מאָגערקייט אירע אַ דאַנק די דאָזיקע תּעניתים.

— איך דאַרף האָבן אַ ווײַב אין בעט, — זאָל ער האָבן אַ מאָל געזאָגט צו זײַנע פֿרײַנד. — ווער קאָן דאָס אַ לעבן לאַנג שלאָפֿן מיט אַ תּפֿילה!

אָבער „די תּפֿילה פֿון הויט און ביין“, די פּריצה הייסט עס, האָט ווײַטער געטאָן דאָס איריקע: געצונדן ליכט אין קאָשטשאָל, געפֿאַסט תּעניתים און געוואָרן מאָגערער פֿון טאָג צו טאָג — אַ שאָטן מיט אַ גאָלדן צלמל צווישן די דאָרע

# THE SQUIRE'S MOUSTACHES

*By* Itzik Manger

*Translated by* Joseph Leftwich

*Itzik Manger, born 1901 Jassy, Roumania. Poet and essayist and short story writer. Lived in London 1941-51. Since then in New York.*

This happened in a little Jewish town in Poland. It was recorded in the Jewish Community Register. But the Register was lost. Burned in a fire. I am the last person who remembers it. So I am telling you the story. Listen!

There was a Jew named Mottel Parnass living in this town. He was a barber by trade. He earned his bread by cutting the hair of Gentiles and shaving their chins.

Now there was a big fair in this town, and peasants came from all the surrounding villages, and some of them went to Jonah Singer's tavern, and some went to Mottel Parnass, to have their hair cut or to have a shave. The few copper coins that Mottel earned on such a fair day came most welcome. They went to buy what was needed to fill the mouths of his wife and children. But there were not many fair days in the year. And Mottel Parnass didn't make much of a living.

It is the general rule that where there is no bread there is no peace in the house. And that was true with Mottel Parnass. There was no peace in his house. His wife, Red Faiga, made his life a misery; she often hit him, and Mottel, though he was more than a head taller, swallowed it all quietly, because he was by nature a quiet man, with big frightened eyes, who only wanted to be left in peace.

Mottel went through hell, but did not complain. It was as if he accepted the onus of guilt, as if it were all his fault that there was no bread in the house, as if he didn't want to work to earn a living.

His only revenge was when his wife was in childbirth. Then her cries of pain and anguish were like soothing balsam to him, sweeter than the singing at the Rebbe's table. But Mottel had never made the journey to the Rebbe to ask him for the blessing of children. He hadn't the money for the fare, or the money to leave a tribute to the Rebbe when he came to plead with him for his blessing. So God spared him the trouble so far as children were concerned. Red Faiga was continually in childbirth, so that Mottel often had the satisfaction of revenge for the blows that he got from her.

The years went by. The years ran. The years flew. Mottel Parnass and his wife both grew older, and his family increased, a new addition every year, another mouth to feed, more money needed. Then this happened:

The town and the whole district was ruled by a squire, a cruel man, a tyrant, with long Polish moustaches. He used to whip his peasants mercilessly for the slightest thing. As for Jews—he couldn't stand the sight of them!

This squire was a widower. The rumor was that he had got rid of his wife by poisoning her. She had been a very pious, devout woman. And he had hated the constant smell of incense in the house, the ikons she had put in every corner, and her frequent fast days, which made her all skin and bones.

"I want a wife in my bed," he used to grumble to his friends, "not a never-ending prayer."

He could do nothing with her. She went on burning candles and keeping fast days and growing skinnier all the time—like a shadow with a cross between her breasts.

בריסטן האט זיך ארומגעדרייט איבערן פאלאץ, געפרעפלט תפילות און געהערט דעם פריצס יצר־הרע ווי דעם קאטער.

דעם פריצס יצר־הרע, א פיפיקער יונג, האט זיך אבער געגעבן אן עצה. מיט פארדרייטע וועגן און שטעגן האט ער געפירט זיין באלעבאס, דעם פריץ הייסט עס, צו א שפרודלענדיקן קוואל אין סאמע ווילדן וואלד, און ביי דעם דאזיקן קוואל האט דער פריץ געטראפן די שיינע מאגדא וואלצינסקי, א פריצה פון א שכנותדיקן מאיאנטעק, וואס האט גראד געמאכט א שפאציר איינע אליין.

שיין איז זי געווען און יצר־הרעדיק ווי מאריא מאגדאלענא, אידער זי האט תשובה געטאן. און אז אונדזער פריץ האט זי דערזען, איז ער געווארן אויסער זיך, און אז ער האט געמאכט דעם פארגלייך צווישן איר און זיין „תפילה" מיטן פארמעטענעם פנים, האט ער איינגעזען סארא נאר ער איז, און דאס ערשטע און איינציקע מאל אין זיין לעבן האט ער זיך אליין אויף א קול אנגערופן „אלטער אייזל".

נאך דעם באגעגעניש איז געקומען א צווייטס, א דריטס, אלץ בסוד אין וואלד ביים קוואל, די „תפילה" זאל נישט וויסן.

און די „תפילה" האט טאקע נישט געוווסט. ווי א מאנאשקע האט זי געוואנדלט צווישן אירע איקאנעס. ביים שיין פון די קאנעצלעך, וואס האבן געברענט טאג און נאכט פאר די הייליקע בילדער, האט זי אליין אויסגעזען ווי א גייענדיקע איקאנע.

און דארטן אין וואלד האבן דערווייל די פייגל געזונגען, דיביימער גערוישט, און דער ווינט, מעשה־שייגעץ, האט אפגעטאן פארשיידענע שפיצלעך, איבער־געשראקן די האזן און די פוקסן:

— דער פריץ גייט!

און דער פריץ איז טאקע געגאנגען. אבער אן זיינע הינט און אן דער ביקס, ווי תמיד. א צערודערטער האט ער געווארט אויף דער שיינער מאריא מאגדאלענא, וואס האט אים ווי אלע מאל געלאזט ווארטן א שפאר ביסל צייט ביז זי האט זיך אנטפלעקט פון צווישן די ביימער מיט א געלעכטערל, וואס האט געהאט אלע טעמים.

און דארטן אין וואלד ביים קוואל, ווו זיי פלעגן זיך טרעפן, איז אין א שיינעם טאג געבוירן געווארן דער פלאן צו שיקן די „תפילה" אין הימל ארײַן, זי זאל אויסבעטן ביי אלע הייליקע אלדאס גוטס פאר דער יונגער פריצהלע און דעם אלטן יצר־הרעניק, דעם פריץ מיט די פוילישע וואנצעס.

אזוי האבן געשמועסט די פויערים אין שענק, שטיל אויפן אויער, קיינער זאל נישט הערן, און עס ווייטער דערציילן, ווייל זייער פחד פארן פריץ איז געווען זייער גרויס.

והראיה: אין א בייַנאכט, נאך דעם וואס די פריצה האט געקניט פאר יעדער איקאנע באזונדער און פרום אפגעזאגט אירע תפילות, האט זי זיך געלייגט שלאפן און איז מער נישט אויפגעשטאנען.

אפשר האט ער זי אפגעסמט, און אפשר סתם אזוי דערווארגן — א קשיא אויף א מעשה! געוויי האט מען נישט געוווסט. מען האט נאר געוווסט, אז די „תפילה" איז געווען א שטיין אין וועג פארן פריץ מיט די וואנצעס און דער פריצהלע, וואס איז, אגב, געווען אן אלמנה.

די לוויה פון דער „תפילה" איז געווען א גאר פריילעכע. דריי גלחים האבן געפרעפלט פאר איר נשמה. פויערטעס האבן געטראגן הייליקע בילדער, און דער פריץ איז געגאנגען מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, ווי אן אמתער אבל.

נאר תיכף נאך איר טויט, האט דער פריץ געהייסן עפענען אלע פענצטער, ארויסגעטריבן דעם ווייַרעך פון אלע חדרים, אים נאכגעשיקט דער פרומער פריצה אין גן־עדן, כדי זי און אלע אירע הייליקע, מיט וועלכע זי איז נאכן טויט מסתמא קנעפל־שבקנעפל, זאלן זיך מחיה זיין.

אין דריי וואכן, טאקע נישט מער ווי דריי וואכן נאכן טויט פון דער פריצה, האט דער פריץ געמאכט א מאלצייט לכבוד דער יונגער פריצהלע. דארטן ביים מאלצייט וועט ער פאר אלע פארבעטענע געסט, די פריצים פון די ארומיקע מאיאנטקעס, דערקלערן, אז זי, די יונגע פריצהלע, איז זיין כלה און אז אין גיכן, ווען ס'וועט זיך פאסן פאר גאט און פאר לייט, וועט זיין די חתונה.

די סעודה האט געדארפט זיין אין א זונטיק־אוונט. די משרתים האבן יענעם זונטיק קוים געקענט כאפן דעם אטעם, אזוי פיל איז געווען צו טאן אויף צו־צוגרייטן דעם קעניגלעכן מאלצייט.

אין דעם אייגענעם זונטיק, ארום צען א זייגער אין דער פרי, האט דער פריץ באפוילן מען זאל צו אים ברענגען דעם שערער מאטל פרנס מיט אלע זיינע מכשירים. מאטל פרנס האט געהאט א שם, די מלאכה האט ער געלערנט אין א גרויסער שטאט. ער האט „גאלדענע הענט", — האט מען אויף אים געזאגט אין שטעטל, — און מיט די „גאלדענע הענט" האט ער, ווי מיר ווייסן, פארדינט א מאל אין א יובל עטלעכע קופערנע דרייַערס.

פאר וואס דער פריץ האט דעם דאזיקן זונטיק זיך נישט געלאזט פריזירן פון זיין קאמער־דינער, ווי תמיד, נאר געשיקט רופן מאטל פרנס, בלייבט א שאלה.

אפשר דערפאר, ווייַל ער איז געווען אין דעם טאג מאדנע אויפגעלייגט און גוט צו אלע זיינע דינערס, האט ער געוואלט, אז דער ארעמער ייִדישער שערער זאל אויך עפעס געניסן, הנאה האבן פון דעם גליקלעכן טאג, ווארעם הייַנט וועט דער בלאנדער יצר־הרע פונעם וואלד ווערן זיין כלה פאר גאט און פאר לייַטן.

און אפשר איז דאס געווען סתם אזוי איינער פון זיינע פריצישע קאפריזן.

אזוי צי אזוי, ווען דער שטאפעט איז אריינגעקומען צו מאטל פרנס דעם שערער אין שטוב, האט זיין ווייב פייגעלע די רויטע אים געהאלטן גראד אין מכבד זיין מיט א געדיכטער פארציע קללות. איינע פון יענע געדיכטע פארציעס, וואס קומען איבער אים יעדן זונטיק. ווייל פייגעלע, דארפט איר וויסן זיין, האט שבת נישט געשאלטן. שבת איז זי געווען פרום און גאטספארכטיק און געלייענט דעם טייַטש־חומש ווי אלע כשרע ייִדישע ווייַבער פונעם שטעטל.

The squire found a way of satisfying his needs elsewhere. He was going through the woods near his great mansion one day when he came to a stream, and by the stream sat a beautiful young woman, Magda Walczynska, who owned the adjoining estate. She had also been walking through the forest. She was the widow of the squire who owned that estate. She was beautiful and she was tempting as his wife Maria had been before she had become a penitent. When the squire saw Magda he called himself an old fool for not having sought her out sooner.

This first meeting was followed by a second and a third—all in secret, always by the stream in the forest, so that his wife, the "prayer," should not get to know.

The "prayer" did not get to know. She lived like a nun, showing no interest in anything that went on round her. She only fasted and prayed and crossed herself before the ikons and burned candles.

And in the forest birds sang, and the leaves rustled. And the wind whispered mischievously—"The squire is coming!"

Indeed, the squire was coming. But now he came without his hounds and without his gun. He came to meet the beautiful Magda, who generally kept him waiting a very long time before she appeared at last among the trees, laughing merrily.

There, at their trysting place, in the forest, beside the stream, they hatched their plan to send the "prayer" to heaven, where she might go on praying for the beautiful young Magda and her elderly squire with the big Polish moustaches.

That was the talk of the peasants among themselves; but only in whispers, so that no word of it should come to the ears of the squire, for they went in fear and trembling of him.

But this is sure—one night, the squire's wife, the "prayer," prayed before each of her ikons, and went to bed and never rose again.

How did she die? Some said he poisoned her; others that she was strangled. She certainly had been a barrier to his marriage with Magda.

It was a grand funeral. Three priests said masses for her soul. Peasant women walked behind the coffin, bearing holy images and holy pictures. The squire walked immediately after the coffin, his head bowed, looking very sad and mournful.

But when they came home he ordered all the windows to be opened, to drive out the smell of the incense from the rooms. And three weeks later he arranged a banquet for Magda, at which he was going to announce their engagement to their assembled friends and neighbors.

The banquet was fixed for the Sunday evening. He kept his servants busy at it all that Sunday, cooking and preparing the feast.

That same Sunday, about ten in the morning, the squire ordered Mottel Parnass the barber to be brought to him. Mottel had a great reputation in the town for his barbering skill. He had "golden fingers," people said, though everybody knew that his "golden fingers" didn't earn him a living.

Why the squire decided that particular Sunday morning not to be shaved by his valet, but to send for Mottel to shave him, is a mystery. Perhaps because he was feeling exceptionally well disposed to everybody that Sunday, and he wanted the Jewish barber to earn a few coppers. For to-day his fair charmer of the forest would become officially his betrothed. Or it may have been just a whim of his, with no real reason at all.

However it may have been, when the squire's messenger strode into Mottel's room he found Mottel's wife, Red Faiga, busy pouring out a flood of curses at his head. Mottel always got a double portion on Sundays. Faiga would never profane the Sabbath by swearing and cursing. She kept the Sabbath holy; on that day she was pious and God-fearing, and sat over her Tze'enu Urenu, like every other Jewish woman in the town. But she made up for it on Sundays, when she gave him a double portion of abuse, specially barbed and pointed.

דערפאַר טאַקע פלעגן די זונטיקדיקע קללות און שטעכווערטלעך זײַן באַזונ־דערס שאַרפע און געפעפערטע, און דער אָרעמער מאָטל, ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער אַנטלאָפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

דער שליח פונעם פריץ איז דאָס מאָל געקומען ווי אַן אמתער דערלייזער. מאָטל האָט אויף גיך צונויפגעפאַקט זײַנע מכשירים און מיט „אַ גוטן טאָג, פייגעלע", האָט ער גענומען שפּרײַזן מיט זײַנע לאַנגע פיס גיך־גיך, אַז דעם פריצס שליח האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

אָבער ווען מאָטל האָט זיך דערנענטערט צום שלאָסבאַרג, ווו ס'איז געשטאַנען דעם פריצס פּאַלאַץ, איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. אָט־אָט וועט ער שטיין פאַרן שטרענגן פריץ מיט די בייזע וואָנצעס. אָט... אָט... ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער תיכּף צוריקגעלאָפן אין גיהנום אַרײַן, דאָס הייסט צו זײַן ווײַב פייגעלע דער רויטער.

ס'איז אָבער שוין געווען פאַרפאַלן. די איבערגעשראָקענע אויגן פונעם שערער מאָטל פרנס זענען געוואָרן נאָך איבערגעשראָקענער.

דער פריץ, ווי געזאָגט, איז יענעם זונטיק געווען פול מיט לײַטזעליקייט צו אַלץ און צו אַלעמען. דעם גאַנצן פרימאָרגן איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גערוימע סאַליעס פון זײַן פּאַלאַץ, זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די קאַנאַריקעס אין די שטײַגן, גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן דעם אַלטן גאָרטן־היטער אַנדזשיי אין פּלייצע, זיך נאָכגעפרעגט בײַם פערדקנעכט אַנטאָן, ווען ער רעכנט חתונה האָבן מיט דער גראַבער מאַריאַשאַ, און אַזוי, אַ צופרידענער מיט זיך און מיט אַלעמען, אַ גלעט געטאָן די לאַנגע פּריצישע וואָנצעס.

מאָטלס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ משוגע געוואָרן זייגערל. אָט שטייט ער פאַרן פריץ. דעם פריצס שטערן איז הײַנט געלײַטערט, אָן אַ סימן פון אַ וואָלקן. „דזיען דאָברי, מאָטל!" — ענטפערט ער אים אויף מאָטלס שטאַמלענדיקער באַגרי־סונג, נאָר די וואָנצעס, די אַראָפּהענגענדיקע פּוילישע וואָנצעס, זענען בייז און דראָענדיק ווי תמיד.

מאָטל פרנס האָט תפילה געטאָן שטילערהייט בײַ זיך אין האַרצן:

— רבונו של עולם, טאַטע זיסער אין הימל, מאַך, אַז די אַרבעט זאָל מיר געלינגען. אַז דער פריץ זאָל זײַן צופרידן מיט מײַן אַרבעט. אוי, גאָטעניו, באַווײַז אַ נס, אַז אַלץ זאָל צוגיין גלאַטיק, און איך זאָל נאָך דערלעבן צו זען מײַן ווײַב מיט מײַנע קינדער!

אַזוי האָט דער אָרעמער מאָטל תפילה געטאָן בײַ זיך אין האַרצן. און גאָט האָט דערהערט זײַן תפילה און אַלץ איז אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. דער פריץ איז געווען אַ מפונק, ווי אַלע פריצים. ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און אַ זאָג געטאָן:

— דאָבזשע מאָטל!

דעם אָרעמען מאָטל איז אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. דער פריץ איז צופרידן פון זײַן אַרבעט. דער פאַריק אויפן פריצס קאָפּ ליגט ווי אַ חידוש. מאָטלס „גאָלדענע הענט" האָבן פאַרשעמט די אַרבעט פונעם געניטן קאַמער־דינער.

ס'איז אָבער פאַרט באַשערט געווען אַן אומגליק.

דער פריץ, וואָס איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, האָט מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן צום שערער:

— דוכט זיך מיר, מאָטל, אַז די לינקע וואָנצע מײַנע איז אַ טראָפּעלע לענגער פון דער רעכטער.

און וואָס מער דעם פריץ האָט זיך גדאַכט, אַלץ מער זיכערער איז ער געוואָרן אַז די לינקע וואָנצע איז טאַקע אַ ביסל לענגער פון דער רעכטער. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף די לינקע וואָנצע אַ ביסל אונטערשערן, זי אויסגלײַכן מיט דער רעכטער.

מאָטל פרנס, וואָס האָט שוין געוואָלט צונויפפּאַקן זײַנע מכשירים, האָט אַ ציטער געטאָן. זיך צורירן צום פריצס וואָנצעס, צו די בייזע פּוילישע וואָנצעס, איז בפירוש אַ נסיון. פאַר שרעק האָט אים אָפּגענומען ס'לשון. און דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט ער נישט געזאָגט. נעמלעך, אַז די לינקע וואָנצע איז גלײַך מיט דער רעכטער, אַז דעם פריץ דאַכט זיך נאָר אויס און אַז...

ווי אין אַ הינערפּלעט האָט ער גענומען דאָס שערל אין האַנט אַרײַן. זײַן האַרץ האָט אויף אַ רגע פאַרגעסן תפילה צו טאָן צו דעם וואָס לעבט אייביק. אין זײַן דמיון איז אויסגעוואַקסן מיט אַ מאָל זײַן קליינע רויט־האָריקע פּלוניתטע פייגעלע, און זי האָט אַ געשריי געטאָן:

— ניטע, מאָטל!

מאָטלס האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. אַ שטיק פּריצישע וואָנצע איז געלעגן אויף דער ערד. אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן.

דער פריץ איז אויפגעשפּרונגען פון זײַן שטול. זײַן שטערן האָט זיך פאַר־וואָלקנט, די אויגן האָבן געשפּריצט פײַער. די רעכטע וואָנצע איז אַראָפּגעהאָנגען פּריציש ווי תמיד, און די לינקע... יעזוס מאַריאַ! יעזוס מאַריאַ! און גראָד הײַנט, ווען ס'דאַרף זײַן דאָס מאַלצייט. גראָד הײַנט, ווען ער האָט פאַרבעטן אַלע פריצים פון די אַרומיקע מאַיאָנטקעס. גראָד הײַנט, ווען ער דאַרף פאַר אַלעמען דערקלערן, אַז דער „בלאָנדער יצר־הרע פונעם וואַלד" איז זײַן כּלה.

דער פריץ האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שטיק וואָנצע, וואָס האָט זיך געוואַל־גערט אויף דער ערד, אַ קוק געטאָן אויף מאָטל שערער, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און מיט ציטערנדיקע קניעס.

מיט אַ מאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— יאַן! סטעפאַן!

צוויי געזונטע דינערס זענען אַרײַנגעקומען, שטיין געבליבן בײַ דער טיר און געוואַרט אויפן פריצס באַפעל.

— נעמט אָט דעם דאָזיקן זשידלאַק און ציילט אים אָפּ הונדערט און פופציק שמיץ, אָן רחמנות!

די צוויי דינערס, יאַן און סטעפאַן, האָבן אַ נעם געטאָן דעם צעטומלטן מאָטל פרנס, איינער בײַם קאָפּ, דער צווייטער בײַ די פיס, און אים אַראָפּגעטראָגן אין הויף. דאָרטן אין הויף האָט מען דעם אָרעמען שערער אַראָפּגעלאָזט די תחתונים, און די צוויי מחבלים יאַן און סטעפאַן האָבן זיך גענומען ציילן די שמיץ.

So the squire's messenger came to Mottel now as a blessed deliverer. Mottel took the opportunity to get out of the house as quickly as possible, with the tools of his trade, walking along at the side of the squire's messenger, on his way to the great mansion.

But as he came nearer to the great mansion Mottel felt his heart beginning to sink in him. For he knew the squire's reputation for cruelty. He felt like returning to face the inferno of Faiga's tongue rather than risk meeting the angry squire.

But the squire was not angry that Sunday. He was in the most affable mood, well disposed to everybody. He had been going from room to room; he had been listening to the canaries singing in their cages. He had clapped his old chief gardener Andrei on the back; he had asked the groom Anton when he was going to marry his Maria. He felt very happy, and he stroked his long Polish moustaches.

Mottel's heart beat like a demented clock. The squire had no frown on his face. Mottel Parnass prayed to God that his work should succeed, that the squire should remain in a good mood, that everything should go smoothly, so that he could return safely to his wife and children.

"Good morning, Mottel," the squire greeted him. But to Mottel the big Polish moustaches still looked aggressive and angry as always. And his hands trembled with fear.

All the same, God had heard his prayer, and his work went smoothly and well. Even the squire was satisfied with the way Mottel had done his work. He looked at himself in the mirror, and he said, "Well done, Mottel! Thank you!"

The load lifted from Mottel's heart. The unbelievable had happened! The squire was pleased with his work. Mottel indeed had "golden fingers."

Yet it was not all over. Mottel was doomed to great misfortune. As he stood at the mirror, admiring himself, the squire suddenly said: "I think, Mottel, that my left moustache is slightly longer than the right. You must snip off a bit from the left, to make them both equal."

Mottel, who had already been packing up his tools, felt a cold shiver go right through him. He was afraid! He was sure that both moustaches were absolutely equal, but he dared not contradict the squire. He was so scared that he forgot to pray to God before he started work again on the squire's moustache. Suddenly he seemed to see his wife, Red Faiga, rise in front of him, and cry: "Don't, Mottel!"

It unnerved Mottel. His hand slipped, ever so slightly. But a bit of the squire's moustache was snipped off, more than Mottel had intended, and it lay there on the floor. Beads of anxiety and fear covered Mottel's face.

The squire jumped up from his chair in a towering rage, his eyes flashing fire. His right moustache was as it should be, but his left, God help us! . . .

And this had happened to him this day of all days, when all his friends and neighboring squires were coming to his feast, to the announcement of his betrothal.

"Jan!" "Stefan!" he called. When the two servants entered: "Take this Jew, and give him 150 lashes. No mercy!"

Jan and Stefan took the luckless Mottel, one by the head, the other by the feet, and carried him into the big courtyard, where they tied him up and started counting the lashes. Mottel shrieked and howled. By the time they got to thirty he had passed out, unconscious.

The squire standing at the window watching, ordered: "Pour cold water over him! Then carry on!"

Mottel was brought home more dead than alive. He was in a high fever, in delirium. He thought he was in heaven, meeting his grandfathers, talking to them about his chances of being admitted to Paradise.

They took Mottel to the Jewish Hospital. A few hours later he died there, about ten o'clock at night. He had never been a strong man. He could never have survived 150 lashes.

When Red Faiga was told that Mottel was dead, she looked at her orphan

בײַ די ערשטע צוואַנציק שמיץ האָט מאָטל שערער געשריגן ווי נישט מיט זײַן קול, און ווען ס'האָט געהאַלטן בײַ דרײַסיק, איז ער שוין געלעגן באַוווסטלאָז.

דער פּריץ איז געשטאַנען בײַם פענצטער מיט איין קורצער און איין לאַנגער וואָנצע און קאָמאַנדעוועט:

—אָפּגיסן מיט קאַלט וואַסער און ווײַטער שמײַסן!

קוים אַ לעבעדיקן האָט מען אַהיים געטראָגן דעם שערער מאָטל פּרנס. ער האָט גערעדט פון היץ, זיך אויסגעטענהט מיט זײַנע זיידעס פון יענער וועלט:

— שלום־עליכם, זיידעס! וואָס מיינט איר, מען וועט מיך אַרײַנלאָזן אין גן־עדן? אויב נישט, דאַרף מען זען געבן כּאָבאַר. נאָך דעם פּריצס שמיץ האָב איך שוין נישט קיין כּוחות פאַרן גיהנום!

שפּעטער האָט מען אים אַוועקגענומען אין הקדש אַריין, און דאָרטן איז ער געשטאָרבן אַרום צען אַ זייגער אויף דער נאַכט.

אַ שוואַכער ייִד געווען אָט דער מאָטל פּרנס. נישט קיין כּוח געהאַט איבער־צוטראָגן די הונדערט פופציק שמיץ.

ווען מען האָט געבראַכט צו מאָטלס ווײַב, פייגעלע דער רויטער, די טרויעריקע בשורה, אַז איר מאָטל איז שוין זײַנס איבערגעקומען, און ווען פייגעלע די רויטע האָט אַ קוק געטאָן אויף די יתומים, וואָס זענען איבערגעבליבן אָן אַ טאַטן און אָן אַ שפּײַזער, איז זי אַ רגע געבליבן אַ געפּלעפטע. אָבער נאָר אַ רגע. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ אַ קללה:

— צוליב אַ שטיקל וואָנצע נעמט מען און מען דערהרגעט אַ טאַטן פון קינדער! אַז די וואָנצעס זאָלן אים וואַקסן און וואַקסן און נישט אויפהערן צו וואַקסן, טאַטע־פאָטער אין הימל!

פאַראַן קללות, וואָס פאַלן אויפן ווינט. פאַראַן קללות וואָס פאַלן אין וואַסער און פאַראַן קללות, וואָס ווערן מקוים.

און פייגעלעס קללה איז מקוים געוואָרן. —

גראַד איז דער פּריץ געזעסן אויבן אָן בײַם טיש. דער בלאָנדער יצר־הרע פונעם וואַלד לעבן אים. די פּריצים פון די אַרומיקע מאַיאָנטקעס אַרום טיש. די קאַנדעליאַברעס האָבן שעמערירט. דער ווײַן אין די באָקאַלן — געפינקלט. מ'האָט געשמעקט מיט רויזן און אָדעקאָלאָן. קיין זכר איז נישט געבליבן פון דעם אַמאָליקן ווײַרעך און די וואַקסענע ליכט.

די צווייטע העלפט וואָנצע האָט דער פּריץ אונטערגעשניטן, זי צוגעפּאַסט צו דער אַנדערער העלפט, וואָס מאָטל שערער האָט סקאַליעטשעט. אמת, ס'איז נישט געווען דאָס, אָבער ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט. דאָס מאָלצײַט, וואָס איז געווען צוגעגרייט, האָט מען שוין נישט געקאָנט אָפּלייגן.

די פּריצים פון די אַרומיקע מאַיאָנטקעס האָבן זיך טאַקע געחידושט אויפן פּריצס וואָנצעס, וואָס זענען דאָס מאָל עפּעס מאָדנע קלענער געוואָרן (פּוילישע פּריצים זענען מבֿינים אויף וואָנצעס, זייער גאַנצער האָנאָר ליגט בטבֿע אין די וואָנצעס!). זיי האָבן אָבער געשוויגן, גלײַך גאָרנישט. נישט געפרעגט וואָס און ווען. אין האַרצן האָט יעדער געטראַכט: „מאָדנע", און דערווײַל געגעסן און געטרונקען פון דעם „כּל־טובֿ", וואָס די דינערס האָבן אַלע מאָל אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

דער פּריץ האָט אָבער געפילט, וואָס די אַנדערע פּריצים קוועטשט, און ווען אַלע זענען שוין געווען פעסט אונטערן גלעזל, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, און פאַר זיי דערציילט דאָס אומגליק מיט דער וואָנצע, אַז דער זשידלאַק מאָטל פּרנס איז דער שולדיקער, און ווי אַזוי ער, דער פּריץ, האָט אים דערפאַר באַשטראָפט.

— געווען באַשערט אַן אומגליק, פּאַנאָוויע, אָבער ביז צו דער חתונה וועלן די וואָנצעס אונטערוואַקסן. פאַן יעזוס איז אַ גנעדיקער האַר. דערווײַל זײַ מיר מוחל, מײַן כּלה!

דער פּריץ האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום בלאָנדן „יצר־הרע" און איר אַ קוש געטאָן.

און אַז ער האָט אויפגעהויבן זײַן געזיכט, זענען די אַנדערע פּריצים געבליבן זיצן מיט אָפענע מײַלער — ווי פאַרשטיינערט.

דער בלאָנדער יצר־הרע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות.

דער פּריץ איז געוואָרן אין גאַנצן צעטומלט:

— וואָס איז געשען, פּאַנאָוויע?

אָבער קיינער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. אַלע האָבן נאָר געטײַטלט מיט די פינגער צום פּריץ.

דער פּריץ איז צוגעלאָפן צום שפּיגל און ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

די וואָנצעס, וואָס זענען ערשט געווען פאַרשעמט אונטערגעשוירן, זענען אויסגעוואַקסן און מיט יעדער רגע זענען זיי גרעסער געוואָרן.

דער פּריץ איז אַרויסגעלאָפן פונעם צימער. די אַנדערע פּריצים זענען כּאַמעלעך געקומען צו זיך. ערשט איצט האָט מען זיך גענומען מינטערן דעם פּריצס כּלה.

ווען דעם פּריצס כּלה איז געקומען צו זיך, איז דער פּריץ שוין צוריק געשטאַנען לעבן איר. די וואָנצעס זענען געווען צוריק ווי בײַם אָנהויב פונעם מאָלצײַט. דעם פּריצס קאַמער־דינער, וואָס האָט זיך אין דער ערשטער רגע אויך דערשראָקן, האָט זיי צוריק געמאַכט פאַר אַ לײַט.

— אַ בלענדעניש! — האָט אַ זאָג געטאָן דער דיקער עדוואַרד פּאָטאָצקי און האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

און אַלע פּריצים האָבן זיך אויך צעלאַכט.

דער בלאָנדער יצר־הרע, דעם פּריצס כּלה, האָט געעפנט די אויגן. צוויי גרויסע, בלאָע איבערגעשראָקענע אויגן.

— וואָס איז געשען, געליבטער? — האָט זי געשעפּטשעט.

— גאָרנישט! אַ בלענדעניש, כּראַבינאַ! — האָט איבערגעחזרט דער גראַבער פּאָטאָצקי און ווײַטער געלאַכט.

— אַ בלענדעניש, געליבטע! האָט געמורמלט דער פּריץ ווי אַ נישט־היגער און זיך אַראָפּגעבויגן צו זײַן באַשערטער און איר נאָך אַ מאָל אַ קוש געטאָן.

children left fatherless, without a breadwinner. Then a curse broke from her heart: "Over a piece of moustache he killed a husband, a father of children. May his moustaches grow and never stop growing, Father in Heaven!"

There are curses that fall on the wind; there are curses that fall in the water. And there are curses that are fulfilled. Faiga's curse was fulfilled.

The squire sat at the head of his table at the banquet. Magda sat at his side. The squires from all the surrounding estates were round the table. The candelabras were glorious with light. The wine sparkled in the glasses. There was a fragrance of roses and eau-de-cologne. Nothing was left of the old smell of incense and burning candles. The squire had himself cut off a bit of his right moustache to make it look equal with the left. It wasn't as workmanlike as Mottel would have done it, but it would do. The guests were already arriving for the feast, and he couldn't put them off.

The guests were in fact a little surprised at the untidy look of the squire's moustaches, and because they were much shorter than usual. But they didn't say anything. They asked no questions, when and why. But they all thought that it was very odd. It didn't stop them, however, from eating and drinking their fill.

But the squire knew that something was wrong. He knew that everybody felt it. He couldn't get it out of his mind. So when the whole company was well under the influence of the drink, he stood up and told them the whole sad story of the misfortune which had happened to his moustaches, how the Jew had ruined them, and how he had punished him.

"It's a pity, friends," he said, "but by the time I marry, my moustaches will have grown back to normal."

He bent down and kissed Magda. When he raised his face again she screamed, and the other guests gasped.

The squire couldn't understand it. "What has happened?" But no one wanted to tell him. Everybody pointed at his face. The squire ran to the mirror—his moustaches had grown; they were growing longer every minute!

He rushed out of the banqueting room. When he came back his moustaches were again short, as at the beginning of the banquet. His valet had trimmed them.

"We must have imagined it!" said Count Edward Potocki, laughing the whole thing off.

"What happened to your moustaches, dear?" Magda asked him.

"Nothing! Nothing at all!"

"It was just our imagination," said Count Edward Potocki.

But the next minute everybody sat up again and gasped. His moustaches had in those few moments grown longer and were growing, longer and longer.

"The devil has a hand in this!" cried Count Edward Potocki, and fled from the room.

